# דעם רבינ'ס מעשיות



גליון 288
בל"ק תשפ"ו

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## אַ מַפָּלָה פוּן גַשְׁמִיּוּת

**סוֹף כָּל סוֹף אִיז דָאס גֶעשֶׁען: מְ'הָאט גֶעכַאפְּט דֶעם בַּעַל תְּפִילָה!**

**נָאכְדֶעם וָואס סְ'אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע טוּמְל אִין שְׁטָאט אִיבֶּער אַ מִיסְטֶערִיעֶזֶע פֶּערְזָאן וָואס לַאכְט אָפּ פוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה אִין גֶעלְט, אוּן טַעֲנָה'ט אַז סְ'אִיז דָא נָאר אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועמֶען מְ'דַארְף דִינֶען - אַ מֶענְטְש וָואס בַּאוַוייזְט זִיךְ אַמָאל אַלְס אַ סוֹחֵר אוּן אַמָאל אַלְס אַן אָרֶעמַאן - הָאט מֶען אִים עֶנְדְלִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר דִי שָׂרִים. דִי שָׂרִים הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְפְרֶעגְן, אָבֶּער דֶער בַּעַל תְּפִילָה אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק בַּיי זַיין מֵיינוּנְג אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ פֶּעסְטְקַייט: "יֶעדֶער אֵיינֶער לֶעבְּט דָא אִין אַ גְרוֹיסְן טָעוּת אוּן נַארִישְׁקַייט; גֶעלְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דֶער תַּכְלִית פוּן דֶער וֶועלְט..."**

**דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם 'גִּיבּוֹר': "וֶוער אִיז דֶער מֶענְטְש וָואס דוּ טַעֲנָה'סְט אַז דוּ קֶענְסְט אִים?" עֶר הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעהַאט אַ פַארְלוֹירֶענֶעם גִּיבּוֹר, אוּן אוֹיבּ דֶער גִּיבּוֹר אִיז טַאקֶע דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְש, דַאן קֶען עֶר אִים גוּט. עֶר הָאט דֶערְבַּיי צוּגֶעגֶעבְּן: "אוּן דָאס וָואס עֶטְץ פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין אַ לַאנְד וָואס אַלֶע זֶענֶען גֶעטֶער - זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז דָאס אִיז רֵיינֶע נַארִישְׁקַייט. זֵיי קֶענֶען עֶנְק גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן אוֹיבּ עֶטְץ וֶועטְס זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵיי, וֶועט דָאס זַיין עֶנְקֶער מַפָּלָה! דָאס גַאנְצֶע פָאלְק, מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ זֵיי זוּכְן הִילְף, וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע אַ מַפָּלָה הָאבְּן."**

אִינְמִיטְן אַ שִׁיעוּר אִין חֵדֶר אוֹיף פֶּרֶק 'הַכּוֹנֵס', הָאט דֶער מְלַמֵּד מַסְבִּיר גֶעוֶוען פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס מֵיינְט אַ 'שְׁמִירָה מְעֻלָּה'. שָׁאוּל הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּילְט אוּנְטֶערְן טִישׁ מִיט אַ שְׁלִיסְל-הַאלְטֶער פוּל מִיט וַואסֶער אוּן גְלַאנְצִיגֶע שְׁטֶערְנְדְלֶעךְ. צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט דֶערְצוּ אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ לֶעמְפְּל וָואס טוֹישְׁט קָאלִירְן, וָואס עֶר הָאט בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אָנְגֶעצִינְדְן אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן כְּדֵי דֶער מְלַמֵּד זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעוֶוען זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ; אוּנְטֶער זַיין גְּמָרָא זֶענֶען גֶעלֶעגְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע סָארְט שְׁלִיסְל-הַאלְטֶערְס מִיט אַנְדֶערֶע פָארֶעמְס, וָואס עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט צוּ זַיין רִיזִיגֶע זַאמְלוּנְג וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט. עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין בַּאזִיץ אִינְאֵיינֶעם פּוּפְּצִיג פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט לֶעמְפְּלֶעךְ אוּן שְׁלֶעסֶער וָואס זֶענֶען גֶעהָאנְגֶען אוֹיף זַיין שְׁלִיסְל-הַאלְטֶער. עֶר פְּלֶעגְט פַארְבְּרֶענְגֶען שָׁעוֹת זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט זֵיי; אוֹיסְלֵייגְן, אַרוֹיסְנֶעמֶען, אוּן זֵיי צוּזַאמֶענְשְׁטֶעלְן אֵיינְס צוּם צְוֵוייטְן. בִּשְׁעַת זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן סִיכּוּמִים אוֹיף דִי סוּגְיוֹת אִין דִי גְּמָרָא אוּן אָנְגֶעפִילְט הֶעפְטְן מִיט קְלָארֶע בִּיאוּרִים אוֹיף יֶעדְן קַשְׁיָא אִין תּוֹסְפוֹת, אִיז שָׁאוּל'ס הֶעפְט גֶעבְּלִיבְּן לֵיידִיג! אֶפְשָׁר אִיז דָארְט נָאר גֶעוֶוען אַ לִיסְטֶע פוּן זַיינֶע פִילֶע טְשַׁאטְשְׁקֶעס...

אֵיין טָאג הָאט אִים אַן עֶלְטֶערֶער אִיד מִיט אַ שְׁנֵיי וַוייסֶע בָּארְד אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין קַאוֶועשְׁטִיבְּל פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. עֶר הָאט צוּגֶעקוּקְט וִוי שָׁאוּל שְׁפִּילְט זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט: "מַיין טַייעֶר קִינְד, דוּ קוּקְסְט מִיר אוֹיס צוּ קְלוּג אוֹיף זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקַייטְן. זָאלְסְט וִויסְן, אַז סְ'וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן פוּן דֶעם גַאנְצְן זַאמְלוּנְג וֶועט גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן. דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר זִיךְ מְדַבֵּק צוּ זַיין אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער דוּרְךְ זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת. צוּם סוֹף וֶועט גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן פוּן דִי גַאנְצֶע גַשְׁמִיּוּת; אַלֶעס וֶועט פַארְטִילִיגְט וֶוערְן אוּן גֵיין לְאִיבּוּד!"

שָׁאוּל אִיז גֶעוֶוען שָׁאקִירְט: "וָואס?! גָארְנִישְׁט וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דֶעם?!"
"יָא, יָא," הָאט דֶער אַלְטֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ רוּאִיגְקַייט, "יֶעדֶער גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע זַאךְ מִיט וָואס מִיר גֶעבְּן זִיךְ אָפּ, סְפֶּעצִיעֶל קִינְדִישֶׁע טְשַׁאטְשְׁקֶעס, בְּרֶענְגְט אוּנְז נִישְׁט צוּ קֵיין שׁוּם תַּכְלִית אָדֶער בַּאדַייט. אוֹיבּ מִיר ווִילְן לֶעבְּן אַ רִיכְטִיגְן לֶעבְּן מִיט הַצְלָחָה, מוּזְן מִיר מַשְׁקִיעַ זַיין נָאר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וָואס דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג."

אַזוֹי לֶערְנֶען מִיר אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי גְרוֹיסֶע שָׂרִים, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי רַייךְ: "אִיר וֶועט הָאבְּן אַ מַפָּלָה פַארְ'ן גִּיבּוֹר! עֶטְץ וֶועטְס אַלֶע פַארְטִילִיגְט וֶוערְן אוּן גֵיין לְאִיבּוּד, וַוייל דָאס גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע גֶעלְט וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן." וַוייל דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶוענֶען.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י״ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (6)

**דֶערְוַוייל אִיז גִיוָוארִין אִין שְׁטָאט** אֵיין רַעַשׁ. בַּאֲשֶׁר אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ אֵיינֶער וָואס עֶר רֶעט אַזוֹינְס וָואס עֶר מַאכְט אַ גִילֶעכְטֶער פוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה.

**אוּן עֶר זָאגְט** אַז סֶע אִיז נָאר אַ יָחִיד פַארְהַאנְדִין דְהַיינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּרוּךְ הוּא וְכוּ׳. אוּן מִכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר זָאגְט עֶר אַלְץ אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר וְכוּ׳ כַּנַּ״ל.

**הָאבִּין זֵי פַארְשְׁטַאנֶען** אַז דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי מְפוּרְסָם גִיוֶוען כַּנַּ״ל.

**הָאט מֶען גִיהֵייסְן** אַז מֶען זָאל אִים זוּכִין אוּן מֶען זָאל אִים חַאפִּין. כָּאטְשֶׁע עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלִין (דְהַיינוּ אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין סוֹחֵר אוּן אַמָאל פַאר אֵיין אָרִימַאן וְכוּ׳ וָואס מַחְמַת דֶעם הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט חַאפִּין כַּנַּ״ל)

**נָאר זֵיי הָאבִּין** אָבֶּער דֶערְפוּן אוֹיךְ גְווַאוּסְט. אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אַלֶע מָאל אַנְדֶערְשׁ. הָאבִּין זֵיי גִיהֵייסִין נָאךְ קְלֶערִין נָאךְ אִים. אוּן מֶען זָאל אִים חַאפִּין,

**הָאט מֶען אִים נָאךְ גִיזוּכְט** בִּיז זֵיי הָאבִּין אִים גִיחַאפְּט. (דְהַיינוּ דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה) אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִבְּרַאכְט צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְצְטֶע.

**אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין** מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין.

**הָאט עֶר זֵיי אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט** כַּנַּ״ל. אִיר זֶענְט אַלֶע אִין טָעוּת. אוּן אִין גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייט. אוּן דָאס אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט. דְהַיינוּ דָאס גֶעלְט אִיז גָאר קֵיין תַּכְלִית נִיט.

**נָאר סֶע אִיז אַ יָחִיד בָּרוּךְ הוּא פַאר הַאנְדִין דְהַיינוּ דֶער בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ וָואס עֶר הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין נָאר אִים בַּאדַארְף מֶען דִינֶען. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ נַארִישְׁקֵייט וְכוּ׳.**

**אוּן דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט**. אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. זֵיי וֶועלִין אַייךְ גָאר נִיט קָאנֶען הֶעלְפִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען נָאר מֶענְטְן וְכוּ׳ (אַזוֹי הָאט זֵיי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיזָאגְט)

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיהַאלְטִין פַאר מְשׁוּגָע**. וָוארִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי גִילִיגִין אִין דֶעם גֶעלְט אוּן זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי דְרִינֶען פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין. בִּיז דֶער וָואס עֶר הָאט אַקֶעגִין זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט עֶפֶּעס גִירֶעט. אִיז דֶערבַּיי זֵיי גִיוֶוען מְשׁוּגָע.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט**. וָואס אִיז דָאס וָואס דוּ זָאגְסְט אוֹיף דֶעם גִבּוֹר. אוֹיבּ סֶע נִיט דֶער גִבּוֹר כַּנַּ״ל. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר אִיךְ בִּין גִיוֶוען בַּיי אַ מֶלֶךְ. אִיז בַּיי דֶעם מֶלֶךְ פַארְפַאלִין גִיוָוארִין אַ גִבּוֹר.

**אוּן אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער גִיבּוֹר**. קָאן אִיךְ מִיךְ מִיט אִים. אוּן וַויטֶער דָאס וָואס אִיר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף דֶער מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. דָאס אִיז אַ נַארִישְׁקֵייט.

**וָוארִין זֵיי וֶועלִין** אַייךְ גָאר נִיט קֶענֶען הֶעלְפִין. אַדְרַבָּא. דָאס וֶועט נָאךְ זַיין אַייעֶר מַפָּלָה אַז אִיר וֶועט זִיךְ אוֹיף זֵיי פַארְלָאזִין.

**הָאבִּין זֵיי אִים גִיזָאגְט** פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ דָאס (אַז דִי מְדִינָה קָאן זֵיי נִיט הֶעלְפִין. אוּן זֵיי וֶועלִין נָאךְ אַ מַפָּלָה הָאבִּין דוּרְךְ דֶעם).

**הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט**. בַּאֲשֶׁר בַּיי דֶעם מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בַּיי אִים גִיוֶוען. הָאט עֶר גִיהַאט אַ יַד דְהַיינוּ דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ זַאךְ אַזוֹי וִוי אַ הַאנְט מִיט פִינֶעף פִינְגֶער. אוּן מִיט אַלֶע שִׂירְטוּטִין (דְהַיינוּ אַלֶע קְנֵייטְשְׁן אוּן אַלֶע קְרִיצִין) וָואס אוֹיף אַ הַאנְט אִיז פַארְהַאנְדִין.

**אוּן דִי יַד אִיז גִיוֶוען** דֶער לַאנְד קַארְט פוּן אַלֶע וֶועלְטִין. אוּן גָאר וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען זִינְט הִימִיל אוּן עֶרְד אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין בִּיז אִין סוֹף. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. אִיז אַלְץ אוֹיסְגִימָאלְט גִיוֶוען אוֹיף דֶער יַד. וָוארִין סֶע גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אִין דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד. דָאס גִימֶעל פוּן אַלֶע וֶועלְטִין.

**וִוי אַזוֹי אִיטְלִיכֶע וֶועלְט שְׁטֵייט**. מִיט אַלֶע זַאכִין פוּן אִיטְלִיכֶער וֶועלְט בִּפְרָטִיּוּת. אַלְץ אַרוֹיס גִישְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער יַד.

אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט אִיז אוֹיס גִימָאלְט (אַזוֹי וִוי סֶע וֶוייסִין דִי וָואס זֵיי זֶענֶען גִינִיט אִין דֶעם לַאנְד קַארְט.

**דְהַיְינוּ סֶע אִיז אוֹיס גִימָאלְט** אוֹיף אַ פַּאפִּיר אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אִיטְלִיכֶע מְדִינָה. אוּן אִיטְלִיכְס בְּרִיקְל אוּן אַזוֹי אַנְדֶערֶע זַאכִין טַייכְלִיךְ אוּן וֶועלְדֶער וְכוּ'.

**אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶע זַאךְ שְׁטֵייט אַלְץ אָנְגִישְׁרִיבִּין** אַז דָאס אִיז דִי שְׁטָאט אוּן דָאס אִיז דִי מְדִינָה וְכוּ') אַזוֹי אִיז אוֹיף דֶער יַד גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אַלֶע וֶועלְטִין דוֹרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵיטְשְׁן פוּן דֶער יַד.

**אוּן אִין דִי קְרִיצִין** פוּן דֶער יַד אִיז גִיוֶוען אַזוֹי וִוי אוֹתִיוֹת. אַזוֹי וִוי אוֹיף אַ לַאנְד קַארְט שְׁטֵייעֶן אָנְגִישְׁרִיבְּן אוֹתִיוֹת בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ כְּדֵי מֶען זָאל וִויסִין וָואס דָאס אִיז דְהַיְינוּ מֶען זָאל וִויסִין אַז דָא אִיז דִי שְׁטָאט.

**אוּן דָא אִיז דָאס טַייכִיל** אוּן אַזוֹי דֶעסְט גְלַייכִין אַנְדֶערֶע זַאכְן. אַזוֹי אִיז פּוּנְקְט גִיוֶוען אָנְגִיצֵייכִינְט דוֹרְךְ דִי קְרִיצִין פוּן דֶער הַאנְט אַזוֹי וִוי אוֹתִיוֹת. וָואס דִי אוֹתִיוֹת זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ וָואס סֶע גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד. כְּדֵי מֶען זָאל וִויסִין וָואס אִיטְלִיכֶע זַאךְ אִיז וָואס דָארְט אִיז אוֹיסְגִימָאלְט.

**אוּן אַזוֹי אִיטְלִיכֶע מְדִינָה** בַּאזוּנְדֶער אוּן אִיטְלִיכֶע שְׁטָאט אוּן אַלֶע טַייכְן אוּן בְּרִיקִין אוּן בֶּערְג אוּן אַנְדֶערֶע זַאכִין (וָואס סֶע גִיפִינְט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אוּן אִין אַלֶע וֶועלְטִין) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיסְגִימָאלְט אוֹיף דֶער יַד דוֹרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער יַד.

**אוּן בַּיי אִיטְלִיכֶער זַאךְ** אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹתִיוֹת אַז דָאס אִיז דִי זַאךְ אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ וְכוּ'. אוּן אַזוֹי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס סֶע גֵייעֶן אַרוּם אִין אִיטְלִיכֶער מְדִינָה אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע מְאוֹרָעוֹת (דְהַיְינוּ אַלְץ וָואס אוֹיף אַ מֶענְטְשְׁן גֵייט אִיבֶּער וַוייל עֶר לֶעבְּט) אִיז אַלְץ גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט אוֹיף דֶער הַאנְט.

**אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען** אַפִּילוּ אַלֶע וֶועגִין פוּן אֵיין מְדִינָה צוּ דֶער אַנְדֶערֶער. אוּן פוּן אֵיין אָרְט צוּם אַנְדֶערִין אוּן מַחְמַת דֶעם הָאבּ אִיךְ גְוואוּסְט דֶעם וֶועג אַרַיין צוּ גֵיין אַהֶער אִין שְׁטָאט אַרַיין. וָואס קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קָאן אַהֶער נִיט קוּמֶען. (וָוארִין דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט הָאבִּין זִיךְ אַרוּם גִיגְרָאבִּין זֵייעֶרֶע שְׁטֶעט אוּן קֵיינֶער הָאט צוּ זֵיי נִיט גִיקָאנְט קוּמֶען כַּנַּ"ל) אוּן אַזוֹי אַז אִיר ווִילְט מִיךְ שִׁיקִין אִין דֶער אַנְדֶערֶער שְׁטָאט אַרַיין. וֵוייס אִיךְ אוֹיךְ דֶעם וֶועג. אַלְץ דוֹרְךְ דֶעם יַד.

**אוּן אַזוֹי אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד.** דֶער וֶועג פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער וֶועלְט. וָוארִין סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין אַ וֶועג וָואס דוֹרְךְ דֶעם וֶועג קָאן מֶען אַרוֹיף גֵיין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל. (וָוארִין פוּן דֶער עֶרְד אוֹיף דֶעם הִימִיל קָאן מֶען נִיט אַרוֹיף גֵיין מַחְמַת מֶע וֵוייסְט נִיט דֶעם וֶועג. אוּן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג וִוירִימִיר מֶען זָאל אַרוֹיף גֵיין אוֹיף דֶעם הִימִיל)

**אוּן סֶע אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען אַלֶע וֶועגִין** וָואס סֶע אִיז פַּארְהַאנְדִין פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער וֶועלְט. וָוארִין אֵלִיָּהוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט דֶעם וֶועג. אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען דֶער וֶועג. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל מִיט אֵיין אַנְדֶערְן וֶועג.

**אִיז דָארְט גִישְׁטַאנֶען יֶענֶער וֶועג אוֹיךְ.** אוּן אַזוֹי חֲנוֹךְ אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הִימִיל נָאךְ מִיט אֵיין אַנְדֶערִין וֶועג. אִיז דָארְט דֶער וֶועג אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען אוּן אַזוֹי פוּן אֵיין וֶועלְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶער (וַוייטֶער הֶעכֶער) אִיז אַלְץ גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער הַאנְט. דוֹרְךְ דִי קְרִיצִין אוּן קְנֵייטְשְׁן פוּן דֶער הַאנְט

**אוּן סֶע אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶער יַד.** אִיטְלִיכֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי סֶע אִיז גִיוֶוען בְּשַׁעַת דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפִין גִיוָוארִין. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וִוי אַזוֹי סֶע וֶועט זַיין דֶערְנָאךְ. דְהַיְינוּ סְדוֹם. אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹסְגִימָאלְט אַזוֹי וִוי דִי שְׁטָאט אִיז גִיוֶוען פְּרִיר אֵיי זִי אִיז אִיבֶּער גִיקֶערְט גִיוָוארִין.

**אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט** אַזוֹי וִוי סְדוֹם קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אַזוֹי וִוי אַ שְׁטָאט קֶערְט זִיךְ אִיבֶּער. אוּן וִוידֶער אִיז גִיוֶוען דָארְט אוֹיסְגִימָאלְט סְדוֹם וָואסִיר אַ פָּנִים סֶע הָאט הַיינְט. נָאךְ דֶעם אִיבֶּער קֶערִין זִיךְ. וָוארִין אוֹיף דֶער יַד אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִימָאלְט. וָואס סֶע אִיז גִיוֶוען. אוּן וָואס סֶע אִיז הַיינְט. אוּן וָואס סֶע וֶועט זַיין.

**אוּן דָארְט אוֹיף דֶער יַד** הָאבּ אִיךְ גִיזֶעהְן. אַז דִי מְדִינָה וָואס אִיר זָאגְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטְן. מִיט דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי וֶועלִין צוּ זֵיי קוּמֶען אוֹיף הִילְף (דְהַיְינוּ אַז דִי מְדִינָה זָאל זֵיי הֶעלְפְן) וֶועלְן זֵיי אַלֶע בֵּיידֶע אַ מַפָּלָה הָאבְּן. (אַזוֹי הָאט זֵיי אַלְץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה דֶערְצֵיילְט).

נאמען: ______________

# לאמיר זיין פאר'הערן



## די צוועלעפטע מעשה - דער בעל תפילה (6)

**א. וואספארא עצה האבן זייערע סוחרים געגעבן פאר זיי?**

- ☐ אז זיי זאלן אנטלויפן
- ☐ אז זיי זאלן זיך מכניע זיין
- ☐ אז זיי זאלן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע האבן אזויפיל געלד וואס לויט זייער שיטה זענען זיי אלע גאטין - אז זיי זאלן זיי העלפן

**ב. וואס האט דער שומר פון מדינה של עשירות געזאגט צום בעל תפלה ווען ער איז נאכאמאל געקומען צו זיי?**

- ☐ אז זיי האבן גארנישט מורא פונעם גבור
- ☐ אז זיי ווילן תשובה טוהן און פאר'מיעוס'ן געלד
- ☐ אז זיי האבן מורא פונעם גבור און זיי ווילן שיקן שליחים צו די מדינה וואס אלע זענען דארטן (לויט זייער שיטה) גאטין

**ג. וואס האט דער בעל תפלה געענטפערט?**

- ☐ ער האט אים זייער אויסגעלאכט און געזאגט אז ס'איז א גרויסע נארישקייט אז זיי זענען גאטין
- ☐ ער האט זייער געוויינט און גארנישט געזאגט
- ☐ ער האט זייער געקרעכצעט און איז אוועק געגאנגען

**ד. וואס נאך האט זיי דער בעל תפלה געזאגט?**

- ☐ עס איז נאר דא איין גאט אויף דער וועלט
- ☐ אז נאר דעם אייבערשטן דארף מען דינען און צו אים דארף מען דאווענען
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט דער שומר צום סוף געענטפערט?**

- ☐ וואס קען איך טוהן איך בין דאך נאר איינער
- ☐ וואס קען איך טוהן איך טראכט אנדערש
- ☐ וואס קען איך טוהן איך וויל נישט הערן

**ו. וואס האט דער בעל תפלה פארשטאנענע פון די ענטפער?**

- ☐ אז זיינע ווערטער האבן נאך גארנישט אויפגעטון ביי די מענטשן
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן שוין איינגאנצן אויפגעטון ביי די מענטשן
- ☐ אז זיינע ווערטער האבן שוין עפעס אביסל אויפגעטון ביי די מענטשן

**ז. וואס האט זיי דער בעל תפלה געזאגט וועגן דעם גבור?**

- ☐ אז ער איז נישט אזא גבור
- ☐ אויב איז עס נישט דער גבור !! (אזוי איינער וואס וואונדערט זיך)
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ☐ איינמאל
- ☐ צווימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וואספארא זאך האט דער בעל תפלה געזאגט פאר די מענטשן פון די מדינה של עשירות – און דער רבי דערציילט דאס 2 מאל ביי די וואך און ביי די פריערדיגע וואך?

וועמען האבן די מענטשן פון די מדינה פון עשירות געהאלטן ביי זיך. און זיי האבן אים ניט געוואלט אוועק לאזן?

**תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (5)**

וויפל מאל שטייט אז דער בעל תפילה האט זיי אויס גילאכט? 2

און וויפל מאל שטייט אז דער בעל תפילה האט זיי געזאגט "דאס איז זייער א גרויס נארישקייט"? 1

## דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדֵּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָואְרט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com